**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/14/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול מעלדט איבער דאס פארענדיגונג פון בויען איוף די פריש איבערגעבויטע סט. דזשאן'ס אוניווערסיטעט געזונטהייט צענטער**

***די גאווערנער שליסט זיך איין צו לאקאלע באאמטער און אוניווערסיטעט פירערשאפט צו באזוכן די סט. ווינצענט געזונטהייט סייענסעס צענטער און די נייע בעסקעט-באל טרענירונג פאסיליטי***

[***זעהט בילדער פון דעם באזוך***]()

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמעלדט איוף דאס פארענדיגונג פון בויען איוף די פריש איבערגעבויטע סט. דזשאן'ס אוניווערסיטעט געזונטהייט סייענסעס צענטער און בעסקעט-באל פאסיליטי וועלכע וועט פארשטארקן די קווינס געמיינדע און צושטעלן אויסערגעווענליכע געלעגנהייטן פון עדיוקעישאנעל דערפארונג פאר סטודענטן.

"מיטן פארזעצן צו אינוועסטירן אין ניו יארק'ס קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, העלפן מיר אונזער הויפט עדיוקעישענאל אינסטיטוציעס בלייבן ביי די העכסטע שטאפל פון עדיוקעישענאל געלעגנהייטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די געלט שטיצע, געבן מיר פאר סטודענטן פון די גאנצע וועלט דאס געלעגנהייט צו נאכגעבן זייערע לערן באגערן, מאכן פארבינדונגען, און מוטיגן זיי זאלן בלייבן אין ניו יארק נאכ'ן גראדואירן."

גאווערנער האקול האט באזוכט די נייע סט. ווינצענט געזונטהייט סייענסעס צענטער, וועלכע איז ערווארטעט צו זיך עפענען אין סעפטעמבער ווען די סטודענטן קומען פאר דעם הערבסט סעמעסטער. די נייע ענערגיע-שפארזאמע אקאדעמישע געביידע וועט האבן אקטיווע לערן קלאס-צימערן, לאבאראטאריעס, פלעצער פאר סימולאציעס, אפיסעס, פלעצער פאר געמיינשאפטן, און דרויסנדיגע טעראסעס. די פאסיליטי האט דערהאלטן 5 מיליאן דאלאר אין סטעיט געלטער אין 2021 דורך די העכערע עדיוקעישאן קאפיטאל גרענט פראגראם (HeCap) און $700,000 אין סטעיט ראיאנעל עקאנאמיק דעוועלאפמענט קאונסיל פאנדינג.

די גאווערנער האט איוך באזוכט א נייע מאדערנע בעסקעט-באל פראקטיס פאסיליטי, וועלכע איז געבויט געווארן מיט די שטיצע פון א 3 מיליאן דאלאר געשענק פון HeCap דעם פאריגן יוני. די נייע פאסיליטי וועט דינען פאר די טאג-טעגליכע געברויכן פון די רעד שטורם'ס מענער און פרויען'ס בעסקעט-באל (Red Storm's Men's and Women's Baskedtball) פראגראמען. דער פראיעקט וועט אנטוויקלט ווערן צוזאמען מיט רענאוואציעס פון די טאפנער פעלד הויז (Taffner Field House) צו שאפן א בעסטע-אין-קלאס קעמפוס ספארט צענטער פאר די אוניווערסיטעט פובליקום.

צו גאווערנער האקול האט זיך צוגעשלאסן די בארא פרעזידענט דאנאוון ריכארדס דזשוניאר, סענאטאר טובי אן סטאוויסקי, פרעזידענט פון סט. דזשאן'ס אוניווערסיטעט פרעזידענט פאטער בריען ד. שענלי,

אסעמבלי-מעמבער נילי ראזיק, פרעזידענט פון די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט קארפאראציע, CEO און קאמישאנער האופ נייט, און DASNY באורד טשעיר ליזא גאמעז.

אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, האט די העכערע עדיוקעישאן קאפיטאל מעטשינג גרענט פראגראם ערמעגליכט קעמפוסן איבערן לאנד צו מאכן קריטישע אינוועסטמענטס אין זייערע אינפרא-סטראקטור און עקוויפמענט אין די צייט וואס זיי שאפן קאנסטרוקציע ארבעט. קעמפוסן וואס באקומען גרענטס ווערן געפאדערט צו אינוועסטירן כאטש $3 פון זייערע אייגן געלט פאר יעדן $1 פון סטעיט געלט זיי באקומען.

זינט HECap איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2005, האט ניו יארק סטעיט שוין פארטיילט 368.1 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר 307 פראיעקטן ביי קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אריבער ניו יארק סטעיט. די גרענטס האבן געפירט צו א סך הכל פון 1.10 ביליאן דאלאר פון אינוועסטירונגען זינט די אנהויב פון דעם פראגראם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן